בס"ד

**מאמר השקפה**

פר' וישב

שנת תשפ"ה לפ"ק

## א בליק אויף כ"א כסלו

# נאך פיר דורות אין אמעריקא

די וואך, לסדר "**למען הציל אותו להשיבו אל אביו**", וועלן צענדליגער טויזנטער אידן בכל קצוי תבל זיך צונויפקומען אין די בתי מדרשים בליל שב"ק, און ביי מלוה מלכה מוצש"ק, און זיך מתבונן זיין אין די חסדי ה' כי לא תמנו, מיט די הצלה פון דעם אביר הרועים, דער רבי פון כלל ישראל, **מרן רבינו הקדוש רשכבה"ג מסאטמאר זיע"א**, וואס איז פארגעקומען גענויע 80 יאר צוריק, כ"א כסלו תשפ"ה לפ"ק.

בעיקר וועט דער הייליגער מעמד אפגעצייכנט ווערן אינעם עיר ואם בישראל וויליאמסבורג, אין די שטאט וואו דער בעל הנס האט פארווירקליכט דעם נס, דארט וואו ער האט במשך דרייסיג יאר געלייגט שטיינדל אויף שטיינדל צו בויען אידישקייט אין אמעריקע, און פון די מרחקים האט ער געבויט אידישקייט בכל קצוי תבל.

קומענדיגן מוצש"ק הבעל"ט וועלן רבבות אידן באלאגערן די שטאט וויליאמסבורג, בראש פונעם גרויסן ממשיך הדרך, כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א, ווען מדי שנה בשנה וועט איבערגע'חזר'ט ווערן תורתו ומשנתו פונעם בעל הנס, און דער רבי שליט"א וועט זיך אויך באציען צו די ענינים העומדים על הפרק כהיום הזה ביי כלל ישראל, און אראפשטעלן די יסודות איתנים וואס איז נוגע להלכה ולמעשה פאר אונזער הייליגער ציבור ווי אזוי זיך צו פירן אויף טריט און שריט, עפ"י דרכו הבהירה ומשנתו פונעם בעל הנס זיע"א.

### פיר דורות גלות אמעריקע!

עס איז 80 יאר פון ווען דער באן איז אריבערגעפארן דעם גרעניץ קיין שווייץ. דאס מיינט סאך טיפער, עס ווערט שוין "פיר דורות" גלות אמעריקע.

ודור רביעי ישובו הנה... דאס איז עפעס גאר גאר טיף, דאס ברענגט צו גאר אסאך חומר למחשבה, אונזער '**גר הייתי בארץ נכריה**' גייט שוין אן גאנצע אכציג יאר אינעם פרישן פארווארפענעם ווינקל פון לאנגן גלות, און ב"ה מיר האלטן אן מיט מסירות נפש אונזער 'גלות ווינקל'.

"גר" הייתי בארץ נכרי': אין אידישע ווערטער וואס דער סאטמארער רבי שליט"א איז מרגלא בפומי' צו משנן זיין כסדר "**מיר וואוינען אין אמעריקע, אבער מיר זענען נישט קיין אמעריקאנער!**".

מיר האבן באגעגנט א בריוו פונעם חכימא דיהודאי **כ"ק הגה"צ מוואודיסלאוו זצ"ל** (בס' ירבה תורה מועדים, מכתבים סי' ט"ו) וואס ער שרייבט צו זיין גרויסן שוואער **הגה"ק משאץ** ז"ל צו זיין אכציגסטן יום הולדת, בשם ס' דרשות ר' יהושע אבן שועיב (פר' ויחי) אויפן פסוק (תהלים צ') "**ואם בגבורות שמונים שנה**".

איז ער מסביר, אז חכמינו ז"ל זאגן **דאך "זקני עמי הארץ כל זמן שמזקינין דעתן מיטרפת עליהן, זקני ת"ח" וכו'**, ווייל אן עם הארץ וואס לעבט זיך מיט זיינע תאוות אלע יארן, ווען ער ווערט עלטער און שוואכער און ער קען זיך מער נישט נאכגעבן זיינע תאוות ווערט ער מטורף און מטופש ווייל ער האט נישט וואס צו טון, ער וויל נאכלויפן זיינע תאוות אבער ער קען נישט. משא"כ זקני תלמידי חכמים, אן ערליכער איד וואס האט געלעבט אלע זיינע יארן מיט התגברות היצר, ער האט זיך אין זיינע יונגע יארן ארומגעשלאגן מיט זיין יצר הרע, ווען ער ווערט עלטער און די מלחמה לאזט נאך, דעמאלטס איז דעתו מתיישבת, ער קען אנגיין רואיג מיט זיין עבודת השם, ער האט שוין נישט די שווערע מלחמות פון די ימי נעורים.

דאס איז דער פשט '**ימי שנותינו**' ווען מ'איז יונג מיט די געווענליכע כוחות הגוף, **שבעים שנה**, דאס איז אלגעמיין די יארן וואס מ'לעבט אויף די וועלט, און נאכדעם ווערן די כוחות שוואכער און נאכגעלאזט. אבער "**ואם בגבורות**", אויב אלע יארן האט מען געלעבט ווי א גיבור, איזהו גיבור הכובש את יצרו, און מ'האט זיך געשלאגן קעגן די תאוות, מ'האט לוחם געווען קעגן דעם יצר הרע, דעמאלטס לעבט מען מיט א פרישקייט גאנצע '**שמונים שנה**', און נאך מער, פאר די זקני תלמידי חכמים זענען די גבורות שמונים די שיינע לעכטיגע יארן, ווען מען איז נהנה פון א בלאט גמרא, מ'איז זיך מחי' מיט רוחניות און עבודת השם, און מ'האט שוין מער מנוחה פון די מלחמת היצר.

**ואם בגבורות... שמונים שנה...**

### דער כח פון 'גבורות שמונים'...

שטייענדיג אכציג יאר פון כ"א כסלו תש"ה לאזט זיך אסאך טראכטן איבער די 'גבורות שמונים'.

דער צדיק הדורות, סבא קדישא, רבינו הק' מסאטמאר איז אנגעקומען קיין אמעריקע אלס עלטערער איד, ער איז שוין געווען א 'בן שישים לזקנה', א שווער מיטגעמאכטער איד, פארלוירן אשת נעוריו, צוויי טעכטער, רוב מנין ובנין פון תלמידיו וחסידיו, א מלך ישראל וואס איז געווען נע ונד, אן קיין געהעריגע קורת גג לראשו, און ער האט זיך גענומען צו די 'גבורות'.

'גבור ואיש מלחמה בדת תורה תמימה'.

> **"דער מנהיג הדור פאר יענעם דור האט ער באדארפט זיין, דער רבי זכרונו לברכה! ווייל אין דעם דור איז ער געווען רבי יוחנן בן זכאי! והא ראי' אז נאך די הסתלקות פונעם רבי'ן איז די הנהגת הדור צוריק געגאנגען צו די גזע פונעם עצי חיים ז"ל, דאס ווייזט אז לפי מצב הדור האט געמוזט זיין דער מנהיג די הייליגע נשמה פון רבי'ן ז"ל, די נשמה פון רבי יוחנן בן זכאי"".**

ער האט זיך גענומען ארבעטן, ער האט זיך גענומען בויען, ער האט געהאט א 'ימין מקרבת' פאר אלע לבבות נשברות וועמען ער האט מכניס געווען תחת כנפי השכינה, ער האט געהאט א 'שמאל דוחה', מיט די פייערדיגע מלחמה וואס ער האט אויסגערופן קעגן די גאנצע וועלט, ער האט נישט מורא געהאט פון קיינעם, און ער האט נישט געמאכט קיין חשבונות מיט גארנישט, נאר האמת נר לרגלו, ער האט זיך געשלאגן מיט'ן אמת פארן אמת.

צי עס פארשטייט זיך מיט'ן מענטשליכן שכל צי נישט, איז דאס א מציאות אז דער רבי ז"ל האט באוויזן למעלה משכל אנושי, ער האט געטוישט אמעריקע אויף אייביג. אמעריקע כהיום הזה איז נאכאלס אן 'ארץ אוכלת יושביה', עס איז אבער אויך דער שענסטער ערי מקלט פאר רבבות גלות אידן וואס ווארטן אויף משיח צדקינו מיט די ריינע אמונה.

**די ציונים פירן פארפלאנטערטע סכסוכים, זיי כאפן ביטערע שלעק, זיי שלאגן צוריק, לאנגע חדשים איז געווען ידם על התחתונה באופן מבהיל, לעצטנס איבערראשן זיי די וועלט מיט אזוי-גערופענע גבורות. און די 'זקני עמי הארץ' וואס ווייסן נישט וואס מיינט 'גבורות' פאלן אויף די קניען פאר די רשעים, מ'רעדט דיבורים אסורים, מ'איז מעריץ זייער עבודה זרה, און מ'איז משתחווים לצלם פון דעם אליל הציוני ר"ל.**

זייער א לעכטיגער רעיון האבן מיר געהערט אין די לעצטע טעג פון כ"ק **אדמו"ר הישיש מסטריזשוב שליט"א** - וועלכער האט זיך אלע יארן מסתופף געווען בצל הקודש פונעם בעל הנס - "מ'זעט ווי יעדע שווערע תקופה האט מען אראפגעשטעלט פון הימל עקסטערע נשמות גדולות אז זיי זאלן קענען אויפטון, לדוגמא מרדכי הצדיק קעגן המן הרשע, עזרא הסופר ביים בנין בית שני, רבי יוחנן בן זכאי ביי תקופת חורבן ביהמ"ק, אין יעדע שווערע תקופה איז געווען א נשמה גדולה וואס איז געקומען במיוחד פאר דעם דור, אין דעם דור איז עס געווען דער רבי!

"כ'זע עס בחוש, איר קענט עס דאך זען בחוש, דער קדושת יו"ט איז געווען סיגעטער רב, ער איז נסתלק געווארן, ווער האט איבערגענומען? דער עצי חיים, ער איז געווען עלטער. אבער, כ'ווייס נישט, מיר זענען דאך אלע סאטמארע חסידים, דער מנהיג הדור פאר יענעם דור האט ער באדארפט זיין, דער רבי זכרונו לברכה! ווייל אין דעם דור איז ער געווען רבי יוחנן בן זכאי! והא ראי' אז נאך די הסתלקות פונעם רבי'ן איז די הנהגת הדור צוריק געגאנגען צו די גזע פונעם עצי חיים ז"ל, דאס ווייזט אז לפי מצב הדור האט געמוזט זיין דער מנהיג די הייליגע נשמה פון רבי'ן ז"ל, די נשמה פון רבי יוחנן בן זכאי".

מיר שטייען יעצט ביי די 'גבורות שמונים', מיר זעען נאטורליך ווי די זקני תלמידי חכמים, די כוחות וואס די תלמידי חכמים, די צדיקי הדור האבן לוחם געווען און זיך געשלאגן כל ימיהם מיט אלע כוחות, איז געקומען צו א מצב פון 'דעתן מתיישבת עליהם', עס איז שוין היינט ווייט נישט די אמאליגע ביטערע מלחמה. אמת מ'דארף נאך אסאך רעדן, אסאך אויפקלערן, אסאך אנווארעמען די נשמות, אבער פון די אנדערע זייט, מ'זעט ווי עס וואקסט און בליעט די כוחות הקדושה בליעה"ר, עס ווערן נתחנך אזויפיל צענדליגער טויזנטער אידישע קינדער מיט די הייליגע ריינע אמונה, זעט מען בחוש דעם נס פון כ"א כסלו, ביי די גבורות שמונים! מ'זעט א פריידיגע בחינה פון 'דעתן מתיישבת עליהם'.

## פארשלייערטע ציונית...

אוי ווי, נעבעך, נעבעך די אידן וואס האבן נישט זוכה געווען צו דעם גרויסן אור.

נעבעך, די ערליכע אידן שומרי תורה ומצות וואס האבן נישט געהאט די זכי' צו נתגדל ווערן אונטער די הייליגע ברייטע פליגל פון דעם נשר הגדול. האבן נישט געהאט די זכי' נהנה צו זיין פונעם אור המתחמם, וואס האט געווארעמט אפי' ווייט ארויס פון זיין אייגענעם קרייז און קהלה.

מיר שטייען אין שווערע זמנים, פארוויקלטע און פארפלאנטערטע זמנים, מ'דארף א מהלך, מ'דארף א שכל הישר, מ'דארף אן אויסגעטרעטענעם וועג וויאזוי צו גיין, און וויאזוי צו קענען אנגיין. אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר האבן זוכה געווען צו באקומען אונזער חינוך מבית מדרשו פון דעם צדיק וואס האט מאיר געווען עיניהם ולבם של ישראל, ארויסגעריסן פון אונז אלע דיעות כוזבות, און אויסגעלערנט וויאזוי אן ערליכער איד דארף טראכטן, און וויאזוי מ'מוז טראכטן.

די ציונים פירן פארפלאנטערטע סכסוכים, זיי כאפן ביטערע שלעק, זיי שלאגן צוריק, לאנגע חדשים איז געווען ידם על התחתונה באופן מבהיל, לעצטנס איבערראשן זיי די וועלט מיט אזוי-גערופענע גבורות. און די 'זקני עמי הארץ' וואס ווייסן נישט וואס מיינט 'גבורות' פאלן אויף די קניען פאר די רשעים, מ'רעדט דיבורים אסורים, מ'איז מעריץ זייער עבודה זרה, און מ'איז משתחווים לצלם פון דעם אליל הציוני ר"ל.

און דאס גייט אזוי ווייט, ביז'ן ווערן אזוי פארבלענדעט אז מ'איז גרייט זיך זעלבסט צו שיסן אין די פיס. מ'לייגט זיך ארויף וואל אויף די אויגן אבי נישט קוקן דעם אמת אין פנים אריין, ווי ווייט די רשעים האבן נאך עד היום הזה נישט אויפגעגעבן זייער ארגינעלן ציל פון 'להשמיד להרוג ולאבד' חלילה יעדן ערליכן איד.

לאמיר נאר נעמען די לעצטע נייעס איבער די פריש געגרינדעטע 'חטיבת חשמונאים'.

אט די רשעים ארורים, פאר זייער מדינה של שמד האבן זיי געגעבן דעם הייליגן נאמען 'ישראל', פאר זייערע טמא'נע ספארטס האבן זיי א נאמען געגעבן "מכבי"ם", און אזוי האבן זיי אלע זייערע טומאות וזוהמות באקלעפט מיט אונזערע הייליגסטע מושגים. יעצט האבן זיי פאר א נייע בריגאדע אינעם צבא השמד געגעבן א נאמען, נישט מער און נישט ווייניגער ווי 'חשמונאים'...

די נייע 'חטיבה' האבן זיי מייסד געווען מיט'ן אנגעגעבענעם ציל כאילו צוצושטעלן א פלאץ וואס חרדים זאלן אריינגיין אין צה"ל, און ארויסגיין פון דארט אלס 'חרדים', און אונטער דעם מאנטל פרובירן צוברעכן דעם פעלזן-פעסטן שטאלענעם ווידערשטאנד וואס מ'זעט ב"ה ביים חרדי'שן ציבור קעגן זיך אנשליסן אין זייער טמא'נעם מיליטער.

נאכאמאל דער צבא השמד וועט אהערשטעלן א 'מיליטער על טהרת הקודש'...

זיי האבן געמאכט א לאנגע ליסטע מיט ספעציעלע תנאים וואס 'צווינגען' יעדן סאלדאט צו האבן א שיעור, גיין אנגעטון נארמאל, א געפילטערטע סמארטפאון, אפגעטיילט מענער און פרויען וכו'. ווען מ'לייענט

די תנאים זעט עס טאקע אויס 'ביוטיפול'. עס קען באנעמען התפעלות אז באלד קען א ישיבה בחור מיט'ן צה"ל זיך געהעריג פאראייניגן.

דער אמת איז אז דאס איז אן עבודה זרה מיט א צווייטן שלייער.

ווי עס האט דערציילט הרב החסיד ר' יחזקאל מנחם שטויבער ז"ל שו"ב פון אנטווערפן, אז ער איז אמאל געפארן מאכן א ברית אין א שפיטאל, און דארט וואו ער האט געדארפט מאכן דעם ברית איז געווען א שתי וערב, האט ער דאס פארדעקט בשעת'ן ברית, און נאכ'ן ברית האט ער אראפגענומען דעם צודעק. ווען ער איז שפעטער געווען ביים סאטמארער רבי'ן ז"ל האט ער געפרעגט דעם רבי'ן צי ער האט גוט געטון, ווייל סוכ"ס האט ער נאכדעם מגלה געווען דעם שתי וערב.

האט אים דער רבי געענטפערט בלשון קדשו "אדרבא, אן אפענער צלם איז נישט קיין פראבלעם, מ'זעט דאך קלאר וואס דאס איז, נאר א צוגעדעקטער צלם, דאס איז דער פראבלעם, ווייל מ'קען זיך אין דעם נארן"...

אט דאס איז דער 'שתי וערב' מיטן שלייער, מיט'ן הייליגן נאמען 'חשמונאים'.

דער אמת איז אבער, אפילו אינעם קאנטראקט זעלבסט האבן זיי איבערגעלאזט פארשידענע גרויסע 'לעכער', ווי צב"ש אז דער צה"ל נעמט זיך די רעכט צו שיקן סאלדאטן פון דארט צו אנדערע אפטיילונגען 'אויב ס'וועט אויספעלן'...

ליידער זענען געווען פון די א.ג. 'חסיד'ישע' קהילות וואס האבן שוין געהאט פארהאנדלט צו שיקן 'אינגעלייט' צו די בריגאדע, מיט'ן חשבון אז זיי זאלן זיך דארט לערנען א פאך און עווענטועל בלייבן ארבעטן אין מיליטער פאר גוט באצאלט. למעשה, לויט די באריכטן, זענען די פארהאנדלונגען געווארן דערוויילע אפגעשטעלט טאקע ביי דעם דאזיגן סעיף, וואס דער צה"ל וויל נישט ארויסנעמען בשום אופן צוליב פארשטענדליכע סיבות.

אויסערדעם, לית דין צריך בושש, עס איז א קלארער מציאות אז אין א צה"ל אטמאספערע איז אוממעגליך צו בלייבן אן ערליכער איד.

אפילו יעצט וועלן אין די בריגאדע זיין די אפיצירן און קאמאנדירן 'מזרחי'סטן' – ס'איז דאך נישטא קיין חרדי'שע אפיצירן וואס זאלן טרענירן די סאלדאטן – און עס איז איבריג יעדעס ווארט וויאזוי ס'זעט אויס די שמירת שבת, כשרות, און בפרט דאס אפטיילן מענער-און-פרויען (הפרדה מגדרית) נוסח מזרחי...

שוין ביי די ערשטע פארזאמלונג צו 'פאַרשטעלן' די בריגאדע פאר ווער ס'איז אינטערעסירט, זענען געזעצן מענער און פרויען זייט ביי זייט אן קיין מחיצה, ריכטיג נוסח מזרחי...

דאס איז ליידער דער גורל כסלו תשפ"ה, פאר די אלע וואס האבן נישט זוכה געווען צום גרויסן אור, און זיי דארפן זיך דראפען אויף גראדע ווענט כעיוורים הממששים באפילה, נישט האבנדיג קיין דרך הסלולה וואס זאל זיי פירן.

אזוי איז לדאבונינו דא אזויפיל שטרויכלונגען אין די סאמע יסודות פון אמונה אויך ביי די אלע פרומע אידן, וואס ליידער איז פיהם דיבר שוא , זייער שפראך איז פול מיט דברים שאסור לדברם ואסור לשומעם, ר"ל.

על כן עלינו לשבח לאדון הכל, מיר דארפן לויבן און דאנקען דעם הייליגן באשעפער, אויף דעם וואס מיר האבן זוכה געווען צו נתגדל און נתחנך ווערן ביים אור בהיר בשחקים, וואס אויף דעם איז אונזער שבח והודאה כ"א כסלו.

## די מלחמה פון די חשמונאים!

פון כ"א כסלו גייט מען גליך אריין צו חנוכה. דער שייכות און דער המשך איז זייער קלאר.

דער יו"ט חנוכה סימבאליזירט די מלחמה פון ערליכע אידן קעגן די יוונים, ווי מיר זאגן אינעם נוסח פון 'בימי מתתיהו', ווי די יוונים זענען געקומען מיט'ן ציל פון 'להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך'.

ווען מיר לערנען אביסל מער איבער די היסטאריע פון מלכות יון הרשעה, זעען מיר אז דער עיקר מלחמה מיט די יוונים איז געווען זייער אנדערש ווי אלגעמיין ווען אידן האבן געליטן פון די גוים.

אין דער צייט וואס געוועהנליך זענען די גוים געקומען מיט'ן 'ועל חרבך תחיה', מיט די 'ידים ידי עשו', איז אבער יון געקומען מיט גאר א נייעם מהלך, זייער גאנג איז געווען תרבות יון, זיי זענען אויפגעקומען מיט נייע שיטות, נייע אידעאלאגיעס, נייע אמונות, וואס איז עפ"י רוב באשטאנען פונעם יסוד פון תאות עולם הזה, הנאות הגוף, 'בילדן' דעם קערפער, און געניסן פון געמיינע תאוות. אלע היינטיגע 'ספארטס' זענען דאך א ירושה פון תרבות יון. אפילו זייערע פילאזאפיעס און 'הויך קולטור' האט זיך געדרייט ארום די ענדגילטיגע צילן פון הנאות און תאוות עולם הזה.

זייער מהלך איז געווען צו שלעפן און צו ברענגען די אידן צו זיך, דייקא נישט מיט קיין מכות, נישט מיט קיין שווערדן, נאר מיט 'גוטסקייט', מיט הנאות און תאוות, און דאס איז געווען דער גורם אז אלע שוואכלינגען פון כלל ישראל זענען נאכגעצויגן געווארן נאך זיי, און עס איז געווארן אזא שטארקע באוועגונג פון 'מתיוונים', עס איז געווען 'נראית להם', עס האט זיי געפאלן דער דרך פון די יוונים, עס האט געשמייכלט צו זיי, זיי האבן מחליט געווען אז עס איז כדאי צו משנה זיין דעם שם, לשון, מלבוש, און טון וואס עס איז נאר שייך צו קענען אריינקומען אין די 'גזעלשאפט', און זיך צופאסן צו די דרכי היוונים, וואס זענען געשטאנען און זיי גערופן בלשון רכה און האבן נאר געוואלט זען אידישע קינדער מאכן מיט זיי א יד אחת.

**"אדרבא, אן אפענער צלם איז נישט קיין פראבלעם, מ'זעט דאך קלאר וואס דאס איז, נאר א צוגעדעקטער צלם, דאס איז דער פראבלעם, ווייל מ'קען זיך אין דעם נארן"...**

**אט דאס איז דער 'שתי וערב' מיטן שלייער, מיט'ן הייליגן נאמען 'חשמונאים'.**

ווען די חשמונאים האבן געזען די שרעקליכע סכנה וואס ליגט דא באהאלטן, און זענען ארויסגעגאנגען אין א מלחמת חרמה קעגן די ערשיינונג, זיי האבן אנגעהויבן לוחם צו זיין מיט העלדנמוטיגקייט און שטארקייט, האבן די יוונים געוויזן זייער אמת'ער פרצוף, זיי האבן דעמאלטס אוועק געלייגט זייער פאלשער שמייכל, ארויסגענומען די אמת'ע שווערדן, און א בלוטיגער קאמף איז געלאזט געווארן אין גאנג.

די מלחמה פון די חשמונאים קעגן די יוונים איז געווען, און איז געבליבן א קאמף קעגן דעם ס"מ וואס קומט באהאלטן אונטער א שמייכל, אונטער א מכלומר'שטע 'איך מיין גאר דיין טובה', וואס אונטער דעם ליגט באהאלטן א שרעקליכע גיפט.

## וואס זאגט אונז די 'גבורות שמונים'...

דאס איז ממש די זעלבע שמחה אינעם גרויסן טאג כ"א כסלו.

די היסטאריע פון כלל ישראל מאז היתה ישראל לגוי איז ליידער דורכגעווייקט מיט אסאך אידיש בלוט. אין יעדע מדינה וואו אידן זענען נאר געווען איז באקאנט ווי עס איז געקומען א תקופה, אדער מערערע תקופות, ווען עס איז אויף זיי נגזר געווארן גזירות פון 'להרוג ולאבד', די גוים האבן ארויסגעגעבן אמאל א גזירת גירוש, אמאל א גזירת שמד, וואס האט זיך אלץ געענדיגט מיט אידיש בלוט וואס האט זיך ליידער געגאסן ווי וואסער.

גלות אמעריקע איז אבער מתחילת יסודה געווען אנדערש ווי די אנדערע גלות'ער, זי האט מיט זיך פארגעשטעלט א נסיון, אנדערש ווי די נסיונות ביז היינט.

בו בזמן וואס אין אמאליגע צייטן ווייסן מיר פון מיליאנען אידן וואס האבן במשך הדורות מקדש געווען דעם שם שמים ווען זיי זענען געשפרינגען אין פייער מיט 'שמע ישראל' אויף די ליפן, האט אמעריקע קיינמאל נישט געמיינט קיין 'בלוט', קיינמאל נישט קיין רציחה, פונקט פארקערט, די אמעריקאנער קאנסטיטוציע האט פון די ערשטע מינוט אויסגערופן פרייהייט פון רעליגיע, יעדער איז בארעכטיגט צו טראכטן און האלטן און קלערן וויאזוי ער וויל און וויאזוי ער האלט, און קיינער קען דערין נישט אריינרעדן.

**ווען די חשמונאים האבן געזען די שרעקליכע סכנה וואס ליגט דא באהאלטן, און זענען ארויסגעגאנגען אין א מלחמת חרמה קעגן די ערשיינונג, זיי האבן אנגעהויבן לוחם צו זיין מיט העלדנמוטיגקייט און שטארקייט, האבן די יוונים געוויזן זייער אמת'ער פרצוף, זיי האבן דעמאלטס אוועק געלייגט זייער פאלשער שמייכל, ארויסגענומען די אמת'ע שווערדן, און א בלוטיגער קאמף איז געלאזט געווארן אין גאנג.**

'די גאלדענע אמעריקע', דאס איז געווען דער באגריף, און דער מהות. דאס איז געווען דער מיטל פונעם ס"מ וואס האט במשך די יארן דורכגעפירט א שוידערליכע שחיטה פון מיליאנען אידן, ווי חז"ל זאגן "גדול המחטיאו יותר מן ההורגו".

אמעריקע צווינגט נישט, אמעריקע האט אויפגעקריצט אויף איר פאן ריין דעמאקראטיע, איש כל הישר בעיניו יעשה, אין אמעריקע דארף מען נישט פירן קיין סדר אין קיין אונטערערדישער קעלער און ציטערן פונעם שייטער-הויפן, אין אמעריקע איז אבער דא אן 'אשת פוטיפר' אויף יעדן טריט און שריט, אין אמעריקע איז דא 'תרבות יון' אויף טריט און שריט, און ליידער קען געזאגט ווערן אן קיין ספק, אז ווען מ'וועט מאכן דעם חשבון וויפיל קרבנות האט יון געקאסט פאר כלל ישראל, דערנאך רומי, אדום, און שפעטער די נצרות איבער אלע תקופות, געענדיגט ביי די דייטשן, האט זיך אמעריקע נישט וואס צו שעמען, מיט איר פאלשע שמייכל, מיט איר גוטסקייט, מיט איר דעמאקראטיע, האט זי אפגעריסן מן השורש שווערע שווערע מיליאנען פון כלל ישראל, ועוד ידה נטוי' השם ישמרנו.

כ"א כסלו תש"ה, מיט אכציג יאר צוריק האט געמאכט א שינוי, א שינוי אויף די גאנצע וועלט, א שינוי אויף די דורות העתידים.

א שינוי אויף די קללה פון אמעריקע, מ'האט איר אפגעהאקט די פליגל.

עס זענען אנגעקומען קיין אמעריקע אודים מוצלים מאש, עס איז אנגעקומען קיין אמעריקע א ריז, א שריד לדור דעה, א 'והוא נשאר מיתר הרפאים', דער הייליגער סאטמארער רבי, וואס האט גענומען דעם נסיון פון אמעריקע און געהאקט פון איר שטיקער אן קיין רחמנות.

דער הייליגער רבי, מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע, האט ארייגעלייגט אומגעהויערע כוחות אז זיין ציבור זאל וויסן אז "יש לנו אב זקן הוא לא ישתנה ולא ישונה", אמעריקע איז נישט אנדערש, און אויך בבית פרעה אין זוהמת הארץ איז דא א באשעפער, און מ'מוז זיך קענען פארמעסטן אויך מיט די שמייכלדיגע נסיונות, "באותו מקום, באותה זמן, באותה אשה", דער רבונו של עולם פארלאנגט פון יעדן איינעם אז ער זאל זיך קענען פארמעסטן לויט די נסיונות וואס זענען צוגעשטעלט פאר זיינעט וועגן.

כ"א כסלו, באדייט אן אכציג יעריגע מלחמה קעגן דעם 'פנים שוחקות' פון אמעריקע, קעגן די ציאונגס קראפט פון 'תרבות יון'.

די ספה"ק זאגן אלע אז יעקב אבינו האט מתפלל געווען א טאפלטע תפלה, 'הצילני נא מיד אחי מיד עשו'. ער האט מורא געהאט פון 2 עשו'ס, סיי ווען ער קומט מיט א צורה פון 'מיד אחי', ווי א גוטער ברודער, סיי 'מיד עשו' ווען ער קומט מיט א רציחה, ועל חרבך תחי'.

ער האט נאך מקדים געווען דעם 'מיד אחי', זעט אויס אז דאס איז אים גאר געווען א גרעסערער פראבלעם, פון די צרה האט ער נאכמער מורא געהאט.

## די התבוננות פון כ"א כסלו

מיר זיצן שוין אין גלות אמעריקע גאנצע אכציג יאר... פיר דורות...

ווען מיר באטאנען 'אמעריקע' מיינט דאס בכלל נישט דעם שטח פון די 'יונייטעד סטעיטס', נאר דעם פראבלעם פון די אמעריקאנער מהלך, וואס דאס איז א סכנה פאר כלל ישראל אומעטום.

חס ושלום, מיר רעדן זיך נישט אפ אויף אונזער מלכות של חסד, נאר ווי מרן רביה"ק ז"ל זאגט אין ספה"ק ויואל משה (מ"א סי' קי"ב) אז די שיטה פון דעמאקראטיע איז טוב לאומות העולם, עס איז זייער גוט אז די גוים נעמען זיך אריין אין קאפ אז מ'דארף יענעם אויך לאזן לעבן – און די היינטיגע 'ליבעראלע' ווינטן, וואס מ'זעט אין ניו יארק און אנדערשוואו, וועלכע זוכן צו באצווינגען און צושטערן ח"ו דעם ערליכן לעבנסשטייגער, זענען א גוטע דערמאנונג אז אויך אין אמעריקע זענען מיר ווייט נישט פארזיכערט – אבער דאס זיך משתלט זיין אויף דעם המון עם מיט א שמייכל, מיט'ן ציען צו זייער גוטסקייט, דאס איז באמת א ביטערע סכנה, וואס דאס האט שוין בעבר געברענגט זייער שווערע און ביטערע חורבנות, און מיר דארפן כסדר שטיין אויף דער וואך נישט צו צעמישן די דאזיגע גרעניצן.

כ"א כסלו איז דער זמן וואס מ'דארף זיך מתבונן זיין אין דעם ענין, און אפשר טאקע דערפאר האט מען דאס פון הימל געפירט אז כ"א כסלו זאל אויסקומען אין די ערבי חנוכה, אז די התבוננות פון כ"א כסלו זאל זיין א גוטע הכנה צו די ימי החנוכה.

ואם בגבורות, שמונים שנה...